בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

## קוּנְטְרֵס

# אַנֶערְקֶענֶען דָאס גוּטְס

אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז זִיכֶער גוּט אֲפִילוּ
דִי שְׁוֶוערְעקֵייטְן הָאבְּן אַ צְוֶועק, וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז
דַאנְקְבַּאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּם צַדִיק פַּאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן
וֶועט אִים דִי לֶעבְּן בֶּאֱמֶת לֶעכְטִיג וֶוערְן

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע**

**וָאֵרָא תשע"ד**

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים,
כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן
מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק

דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

עִיר הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd.**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:
**קול ברסלב**
**212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# אַנֶערְקֶענֶען דָאס גוּטְס

## א

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד): וֶוען אַ מֶענְטְש וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז פַאר זַיין גוּטְס אִיז דָאס מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְש שְׁפִּירְט שׁוֹין יֶעצְט אַ טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא. עֶס זָאגְט זִיךְ טַאקֶע זֵייעֶר גְרִינְג "אַ מֶענְטְש זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז פַאר זַיין טוֹבָה", אָבֶער דָאס פּוֹעֶלְ'ן בַּיי זִיךְ אוּן דָאס אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אִיז שׁוֹין וַוייט בִּישְׁט פוּן דִי לַייכְטֶע זַאכְן, אַז אַ מֶענְטְש זָאל וִויסְן אַז כָאטְשׁ עֶר הָאט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן עֶס גֵייט אִים דוּרְךְ אִין לֶעבְּן אַזוֹיפִיל שְׁוֶועֶרֶעקֵייטְן אִיז דָאס אוֹיךְ נָאר חֲסָדִים פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ אָנְצוּנֶעמֶען, פַארְוָואס? וַוייל לְמַעֲשֶׂה הָאב אִיךְ אַ צָרָה! דוּ זָאגְסְט מִיר אִיךְ זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז אַ חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ דָאס פַארְשְׁטֵיין?!

נאָר אין אֶמֶת'ען אַריין דאַרף מען קודם וויסן וואָס איז בִּכְלַל דער תַּכְלִית פאַרוואָס מיר זענען אַראָפּגעקומען דאָ אויף דער וועלט? אַ מענטש פאַרגעסט אַז ער איז געבוירן געוואָרן און אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט זיך אויפצוהאַלטן דאָ בלויז פאַר אַ צאָל יאָרן, איינמאל אַז עס גייט דורך די זיבעציג אַכציג יאָר לויט וויפיל דער אייבערשטער האָט אים באַשערט, איז דורכגעגאַנגען די לעבן, זאָגט דער הייליגער רבי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן סא), אַז אֲפִילוּ די זיבעציג יאָר לויפט דורך ווי אַ פערטל שָׁעָה, מיט אונזער קליינעם שֵׂכֶל קוקט טאַקע אויס זיבעציג יאָר ווי זיבעציג יאָר, אָבער מיט אַ גרעסערן שֵׂכֶל איז דאָס נישט מער ווי אַ פערטל שָׁעָה; ווען מען קומט אָן צו זיבעציג יאָר זעט מען ווי דאָס איז דורכגעלאָפן ווי פופצן מינוט. אויב אַזוי פאַרוואָס איז מען טאַקע אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט? פאַרוואָס האָט דער אייבערשטער בִּכְלַל באַשאַפן די גאַנצע באַשאַפונג? זאָגט דער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ (עֵץ חַיִּים שַׁעַר א'): דער אייבערשטער ווערט אָנגערופן אַ רַחוּם וְחַנּוּן - אַ גוטער און אַ רַחְמָנוּת'דיגער, און אַז עס איז נישט דאָ קיין מענטשן, אויף וועם זאָל דער אייבערשטער הייסן אַ רַחוּם וְחַנּוּן? דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, און דאָ אויף דער וועלט שיקט ער אַראָפּ אַ נְשָׁמָה

פון הימל, כְּדֵי ער זאל האבן א נַחַת רוּחַ פון די נְשָׁמָה, ווייל דא איז די נְשָׁמָה אַנְגֶעקְלֵיידְט מִיט אַ גוף וואס פַארְשְׁטֶעלְט די נְשָׁמָה, און אויב דער מענטש דערקֶענְט די נְשָׁמָה, ער דערקֶענְט דעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ ווען עס איז פַארְשְׁטֶעלְט מִיטְן גוף, פון דעם קוּמְט אַרוֹיס דער גְרֶעסְטֶער נַחַת רוּחַ פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, זָאגְט דער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ גְלַייךְ צוּ, אַז מֶען זאל נִישְׁט אַרַיינְקְרִיכְן טִיפֶער און אָנְהֵייבְּן פְרֶעגְן ווייטֶער, וואס וועט שוֹין זַיין אַז מֶען וועט מאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער? דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף האבְן אוּנְזֶער נַחַת רוּחַ? דער אייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דֶען האבְן די גַאנְצֶע בְּרִיאָה? מֶען זאל דא בְּלַייבְּן שְׁטֵיין און נִישְׁט פְרֶעגְן ווייטֶער, ווייל אויב וועט מֶען אָנְהֵייבְּן צוּ פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת וועט מֶען אַרוֹיף פְרֶעגְן בִּיז צוּ זַאכְן וואס מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן (עַיֵין חֲגִיגָה יא, ע"ב).

דאס איז אֵיינְס פון די טַעֲמִים פַארְוָואס די תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיטְן אוֹת ב', וואס ווייזְט אוֹיף בְּרָכָה (יְרוּשַׁלְמִי חֲגִיגָה, דַף י' ע"א), וואס איז די בְּרָכָה? אַז דער ב' איז פַארְמַאכְט פון אַלֶע זַייטְן נָאר פון פָארְנְט איז אָפֶען, אוּנְז צוּ לֶערְנֶען נִישְׁט צוּ קוּקְן וואס איז הֶעכֶער אוּנְז, וואס איז אַראפְּצוּ פון אוּנְז, וואס איז אוּנְטֶער אוּנְז, עס דַארְף פַאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן די אַלֶע חֲקִירוֹת

וָואס אִיז גֶעוֶוען פַארְדֶעם וָואס וֶועט זַיין נָאכְדֶעם און דָאס גְלַייכְן, אֵיין זַאךְ וָואס אִיז אִים ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן "וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעצְט צוּ טוּן", יֶעצְט בִּין אִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס דַארְף אִיךְ טוּן דָא? אִיךְ דַארְף טוּן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער! וָואס הֵייסְט אַ נַחַת רוּחַ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער? אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ און מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג און נַחַת אִין הִימְל.

אוּנְז פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אִין הִימְל, אָבֶער דָא אוּנְטְן דַארְפְן מִיר זֶען מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל בֶּאֱמֶת פַארְוָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹיפִיל אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער? דֶער בַּאשֶׁעפֶער זוּכְט עֶפֶּעס צוּ מְצַער זַיין אַ מֶענְטְשׁ? דֶער בַּאשֶׁעפֶער זוּכְט עֶפֶּעס אַז פַאר אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין שְׁלֶעכְט חָלִילָה? וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע צִיל פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגַאנְגֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ? נָאר בֶּאֱמֶת אִין הִימְל אִיז אַלֶעס אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ ווִי מֶען קוּקְט עֶס אָן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִין הִימְל אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת אַ אִיד וָואס קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן כָּאטְשִׁיג עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אִין לֶעבְּן שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער, דָאךְ מִיט אַלֶע

אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר פְּרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל, דֶער תַּעֲנוּג וָואס אַזָא מֶענְטְשׁ מַאכְט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, דָאס קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אוּן שָׂרָף נִישְׁט בַּאוַוייזְן, קֵיינֶער קֶען דָאס נִישְׁט בַּאוַוייזְן נָאר אַ אִיד.

אִין הִימְל וֶוערְט אַ מוֹרָא'דִיגְן נַחַת רוּחַ וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ בָּחוּר'ל וָואס כָאטְשִׁיג עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַזוֹיפִיל נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין אִים וִוי אַ פֵייעֶר, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן לוֹיפְט עֶר צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר בֶּעט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם רַאטֶעוֶועט מִיךְ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ! פָּשׁוּט עֶר בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לב, ע"ב): אַז אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, זָאל עֶר נִישְׁט מִיד וֶוערְן, נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז עֶר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דָאס מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, מִילָה, הֲלָכָה ה): ווִיבַּאלְד דוּרְךְ תְּפִלָּה מַאכְט מֶען דִי כֵּלִי וואו דִי יְשׁוּעָה זָאל אַרַיינְקוּמֶען, דֶערְפַאר אַז מֶען דַארְף צוּמָאל הָאבְן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, דַארְף מֶען צוּגְרֵייטְן אַ גוּטֶע גְרוֹיסֶע כֵּלִי פוּן אַסַאךְ תְּפִלּוֹת.

אִין הִימְל אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דַארְף הָאבְּן קִינְדֶער, אָדֶער עֶר דַארְף הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אָדֶער עֶר דַארְף פַּרְנָסָה, אָדֶער וֶועם עֶס גֵייט דוּרְךְ אַנְדֶערֶע בִּיטֶערֶע שְׁוֶועֶרעקֵייטְן אִין לֶעבְּן, דָאךְ מִיט אַלֶע שְׁוֶועֶרעקֵייטְן וָואס עֶר מַאכְט נֶעבֶּעךְ מִיט, פַּארְלִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט, עֶר פְּרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, נָאר עֶר קוּמְט אוּן בֶּעט זִיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָאס אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אִין הִימְל אַז מִיר קֶענֶען זִיךְ אֲפִילוּ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט בַּאוַוייזְן נָאר אַ אִיד אַלֵיין.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי חֲשִׁיבוּת אִין הִימְל וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס דְרֵייט זִיךְ דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, וְוי אַלֶעס פִּירְט זִיךְ מִיט טֶבַע מִקְרֶה מַזָל, אַלֶעס קוּקְט אוֹיס אַז אַזוֹי קוּמְט עֶס אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען דִי מַזָל, אִין אַ וֶועלְט ווְאוּ מֶען זֶעט אַז דִי גוֹיִם גֶעוֶועלְטִיגְן, דִי גוֹיִם רַחֲמָנָא לִיצְלָן הַרְגְ'נֶען אוּן שֶׁחְטִ'ן אִידְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע מִיתוֹת אַכְזָרִיוֹת, אוֹיב אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג לַיידְט מֶען אַ בִּיטֶערְן גָלוּת פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים דִי עֶרֶב-רַב, [וָואס זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אִידְן, וַוייל בַּיי אִידְן אִיז דָא דְרֵיי סִימָנִים, מֶען הָאט רַחְמָנוּת מֶען טוּט חֶסֶד אוּן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ (יְבָמוֹת עט, ע"א), אַז

אײנער האט די דרײ סימנים װײסט מען אז ער שטאמט פון אברהם יצחק און יעקב, אבער אז מען פירט זיך מיט אכזריות, מען נעמט צו די מאגערע ביסל ברויט פון קינדער, מען רעדט שוין נישט אז מען איז גוזר אזויפיל ביטערע גזירות אויסצורײסן אידישקײט, איז דאס נישט קײן אידן נאר ערב-רב], ביז עס קוקט אויס אז אלעס פירט זיך מיטן מדת הדין, דאך זיצט זיך א מענטש אין א זײט און ער פארלירט זיך נישט, ער פרעגט נישט קײן קשיות אויפ'ן באשעפער, דאס איז די גרעסטע חשיבות אין הימל, דער הײליגער רבי זאגט (לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן יג), אז זײער אסאך מענטשן זענען אװעקגעגאנגען פון אידישקײט נאר װעגן אזעלכע קשיות, עס האט זײ זײער װײ געטון װען זײ האבן געזען פארשידענע זאכן װאס שטימט נישט, זײ האבן געזען אז פאר א צדיק גײט שלעכט, און פאר א רשע גײט גוט, די היץ פון די סארט קשיות האט זײ אויפגעגעסן ביז זײ זענען רחמנא ליצלן פארקראכן אינגאנצן פון אידישקײט. אבער װאס איז די מעלה פון א איד? אז ער פרעגט נישט קײן קשיות, ער װײסט אז יעדע זאך װאס דער באשעפער טוט איז נאר לטובה, א איד װאס לעבט מיט אזא רואיגע זיכערע קלארע און רײנע אמונה, ער איז זוכה צו די גרעסטע הנאה און שעשועים פון עולם הבא,

און נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר גֶעוָואר אַז פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת אִיז נָאר אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ טוֹבָה.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲלָה פוּן דִי הֵייליגֶע אָבוֹת, זֵיי הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, טְרָאץ אַלֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט אִין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אוֹיסְפְּרוּבִּירְט מִיט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאךְ הָאבְּן זֵיי זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּגֶערֶעדְט, ווִי רַשִׁ"י בְּרֶענְגְט (שְׁמוֹת ו, ט; מִגְּמָרָא סַנְהֶדְרִין קיא ע"א), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז זַיינְס, און נָאכְדֶעם אַז עֶר דַארְף הָאבְּן אַ קֶבֶר פַאר זַיין וַוייבּ קֶען עֶר נִישְׁט טְרֶעפְן נָאר אַז עֶר בַּאצָאלְט טֵייעֶר גֶעלְט, יִצְחָק גְרָאבְּט אַ קְוַואל קְרִיגְט מֶען זִיךְ אוֹיף דֶעם און מֶען לָאזְט אִים דָאס נִישְׁט הָאבְּן, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט צָאלְן טֵייעֶר גֶעלְט פַאר אַ שְׁטִיקְל לַאנְד זִיךְ צוּ קֶענֶען פְלַאצִירְן (בְּרֵאשִׁית לג, יט), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַבְרָהָם (בְּרֵאשִׁית כא, יב): כִּי בְּיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע - פוּן יִצְחָק וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען דַיינֶע קִינְדֶער, נָאכְדֶעם הֵייסְט עֶר אִים גֵיין שֶׁחְטְ'ן (רַשִׁ"י שְׁמוֹת ו, א), אָפְּגֶערֶעדְט יַעֲקֹב אָבִינוּ וָואס הָאט דוּרְכְגֶעמַאכְט אִין לֶעבְּן אַזוֹיפִיל צָרוֹת פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צב, א), בַּיי דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אִיז

פָּארגעקומען אִין לֶעבּן אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁטִימְט, דָאךְ הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז מֶען דֶערְמַאנְט יֶעדְן טָאג בַּיי אַלֶע תְּפִילוֹת זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב, זָאגְן חֲזַ"ל (יַלְקוּט אִיּוֹב רֶמֶז תתקח), אוֹיבּ אִיּוֹב וָואלְט זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן וֶוען עֶר הָאט מִיטְגֶעמַאכְט דִי אַלֶע צָרוֹת (עַיֵּין בָּבָא בַּתְרָא טו ע"ב), אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְרֶעדְט אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואלְט מֶען אוֹיךְ גֶעזָאגְט אֱלֹקֵי אִיּוֹב, פּוּנְקְט ווִי מֶען זָאגְט אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב.

דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט אוֹיךְ מִיטְגֶעמַאכְט אַגַאנְץ לֶעבְּן צָרוֹת, מֶען הָאט אִים אַ גַאנְץ לֶעבְּן פַארְגָאסְן דִי בְּלוּט, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר אִיז אַלְץ גֶעקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת ווִי אַן אָרִימַאן, ווִי מִיר גֶעפוּנֶען שְׁטֶענְדִיג אִין תְּהִלִּים אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ רוּפְט זִיךְ מִיטְן טִיטְל אָרִימַאן 'עָנִי וְאֶבְיוֹן', דֶערְפַאר אִיז עֶר טַאקֶע גֶעקוּמֶען צוּם גְרֶעסְטְן שְׁלֵימוּת, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער פֶערְטֶער פִיס פוּן דִי הֵיילִיגֶע מֶרְכָּבָה פוּן דִי שְׁכִינָה (זוֹהַר וָאֶתְחַנַּן, רסב ע"ב), אוּן מִיר דֶערְמַאנֶען טַאקֶע אוֹיךְ זַיין נָאמֶען בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן מָגֵן דָוִד, וַוייל אַזוֹי דַארְף זִיךְ אַ אִיד פִירְן, עֶר דַארְף ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא

זאכְן וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת.

ווִי בַּאוְוּיסְט הָאבְּן אַסַאךְ צַדִיקִים גֶעזָאגְט, אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן אָנְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועלְן זֵיי נִישְׁט אַיינְרוּעֶן נָאר בֶּעטְן אוּן פַארְפִירְן בִּיז עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶערֶער רָב בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט עֶטְלִיכֶע מָאל אַרָאפּ (עַיֵין וַיוֹאֶל מֹשֶׁה בְּהַקְדָמָה), אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסֶע הִשְׁתּוֹקְקוּת פוּן זַיין הֵיילִיגְן זֵיידְן דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין דִי גְאוּלָה, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן הָאט עֶר אָנְגֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מָשִׁיחַ קוּמְט זָאל מֶען אִים גְלַייךְ אוֹיפְוֶועקְן, עֶר הָאט אָנְגֶעגְרֵייט נֶעבְּן בֶּעט דֶעם טִילֶעפּף מִיטְן שְׁטֶעקְן אַלֶעס זָאל זַיין גְרֵייט צוּ קֶענֶען שׁוֹין לוֹיפְן קֶעגְן מָשִׁיחַ, אַזוֹי וַוייט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה יֶעדֶע סֶעקוּנְד גֶעטְרַאכְט פוּן דִי גְאוּלָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, "אַ קוּנְץ אַז אַזַא אַלְטְן נַאר ווִי מִיךְ הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפָּאפְּט, וֶוען אִיךְ ווַייס דָאס פוּן פָארְאוֹיס וָואלְט אִיךְ דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן קַיין אֵיין מִינוּט", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט, אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן טַאקֶע גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן אוּן נִישְׁט אַיינְרוּעֶן בִּיז זֵיי וֶועלְן פּוֹעֵלְ'ן אַ יְשׁוּעָה פַאר כְּלַל

יִשְׂרָאֵל, לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען זֵיי אָפְּגֶעפָּאפְּט, אָבֶער מִיר וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְפָּאפְּן, אִיךְ וֶועל דָארְטְן נִישְׁט אַיינְרוּעֶן אִיךְ וֶועל פַּארְפִירְן אַז עֶס מוּז זַיין דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה! דֶער סַאטְמֶערֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט בַּיי זַיינֶע הֵיילִיגֶע דְרָשׁוֹת, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין: "מֶען הָאט דֶעם זֵיידְן מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ זָאגְן אַ דְרָשָׁה אִין הִימְל אוּן עֶר זָאגְט עֶס נָאךְ בִּיז יֶעצְט, פוּן אוּנְז הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן" (עַיֵין עוֹד דִּבְרֵי יוֹאֵל קֹהֶלֶת סִימָן ט, בְּנֻסַּח אַחֵר קְצָת).

וִוי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁטֶענְדִיג מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶוען אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער סַנֵיגוֹרָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט נָאר דִי זְכוּת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִין יֶעדְן אִיד הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ זְכוּת, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: פוּן דִי אַלֶע זְכוּתִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִין הִימְל אַ נֵייעֶ הֵיכַל וָואס הֵייסְט "הֵיכַל הַזְכוּת". הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט, "וֶוען אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל וֶועט מֶען מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָפְּנַארְן, בַּיי מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט

אַיינְרוּעֶן בְּשׁוּם אוֹפָן בִּיז עֶס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה און מֶען וֶועט אוֹיסְלֵייזְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פון דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת״!

אִין יָאר תק״ע אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, עֶס אִיז דוּרְךְ אַ פָּאר יָאר זִינְט דִי פְּטִירָה און מֶען הָאט בִּישְׁט גֶעזֶען אַז עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן פָארְאוֹיס, פַארְקֶערְט מֶען הָאט נָאךְ גֶעלִיטְן גְרֶעסֶערֶע צָרוֹת פוּנֶעם רוּסִישְׁן צַאר מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, וָואס זֶענֶען ווִי בַּאקַאנְט גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיגֶע אַכְזָרִים, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאט אַ טַעֲנָה אוֹיפְ׳ן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער, הֲיִתָּכֵן עֶס אִיז שׁוֹין אַפָּאר יָאר פון זַיין הִסְתַּלְקוּת און מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין סוֹף צוּ דִי צָרוֹת, אֵיין טָאג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער קָאזְנִיצֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעלָאזְט רוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער און זֵיי גֶעזָאגְט, אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נִסְתַּלֵק וֶוערְן ווִיל עֶר זֵיי אָנְזָאגְן וָואס עֶר ווִיל, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט: טַאטֶע פון וואוּ וֵייסְטוּ שׁוֹין אַז דוּ גֵייסְט נִסְתַּלֵק וֶוערְן? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ הֶערְשְׁט יֶעצְט גֶעזֶען דֶעם בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט זַיין הַבְטָחָה? הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: בַּאלְד וֶועט אִיר אַרוֹיפְקוּמֶען דָא און זַיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר אִין גַן עֵדֶן, וֶועט אִיר זֶען אַז אַלְץ אִיז

רעכט. אין הימל איז אַלעס פּונקטליך און ריכטיג, אויבן אין הימל זעט מען אַז אַלעס וואס גייט פאר דא אויף דער וועלט איז לטובה.

דא אויף דער ערד האט דער היילּיגער באַרדיטשובער אַיינגעריסן וועלטן, ער האט נאר מלמד זכות געווען אויף יעדן איד, ער האט אַזוי געוואלט אַז עס זאל גוט זיין פאַר יעדן איד, אָבער אויבן האט מען אים געוויזן אַז אַלעס וואס עס טוט זיך דא איז נאר לטובה, שטעלט זיך אַ שאלה: דא אונטן האט ער דען נישט געוויסט אַז יעדע זאך איז פאַר די טובה פונעם מענטש? די קשיא קען מען נאכמער פרעגן ווען משה רבינו באַקלאָגט זיך פאַרן באַשעפער און ער פרעגט (שמות ה, כב-כג): לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה - פאַרוואס האסטו שלעכטס געטון פאַרן אידישן פאָלק, לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי - פאַרוואס האסטו מיר געשיקט, וּמֵאָז בָּאתִי אֶל פַּרְעֹה לְדַבֵּר בִּשְׁמֶךָ הֵרַע לָעָם הַזֶּה - זינט איך בין געגאַנגען צו פַּרְעֹה רעדן אין דיין נאָמען איז נאך געווארן אַסאך ערגער פאַר אידישע קינדער, וְהַצֵּל לֹא הִצַּלְתָּ אֶת עַמֶּךָ - דו האסט גארנישט געראטעוועט די אידן. צו רעדן אַזוי שטרענג פאַרן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים איז אַ דערוואַיגעניש, דער אייבערשטער האט אים טאקע באַשטראפט צוליב דעם, אַז ער וועט

נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דִי אִידְן אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (שְׁמוֹת ו, א; עַיֵּין בְּרַשִׁ"י). פַארְוָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ טַאקֶע גֶעפְרֶעגְט קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר דֶען נִישְׁט גֶעוְויסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט? נָאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל (מְנָחוֹת סה ע"א), עֶר הָאט אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט דִי אִידְן אַז עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זֵיי, זִיךְ אַלֵיין הָאט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, עֶר הָאט מַפְקִיר גֶעוֶוען זַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט מַפְקִיר גֶעוֶוען אַלֶעס פוּן זִיךְ, אֵיין זַאךְ אִיז אִים אָנְגֶעגַאנְגֶען, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער מוּזְטוּ טוּן גוּטְס"! מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט אַ טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִידְנ'ס וֶועגְן: לָמָּה זֶה שְׁלַחְתָּנוּ - פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ גֶעשִׁיקְט. אִיךְ הָאבּ דִיר גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וויל נִישְׁט גֵיין, בִּיז דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעשִׁיקְט מִיט גֶעוַואלְד (שְׁמוֹת ד, יב-יד), בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעזָאגְט דִי אַלֶע זַאכְן אִין דַיין נָאמֶען, אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן בַּיים סוֹף וֶוערְט נָאךְ שְׁוֶוערֶער?!

אוֹיבּ הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעקֶענְט אַזוֹי רֶעדְן, אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רַב הָאט גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ טַעֲנָה, כָאטְשִׁיג עֶר

האָט גוט געוויסט אַז וואָס דער אייבערשטער טוט איז נאָר לְטוֹבָה, פונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט אַז פאַר אידישע קינדער זאָל זיין גוט בְּגַשְׁמִיּוּת אויך, אָבער ווען ער איז אַרויפגעקומען אויבן האָט מען אים באַוויזן קלאָר אַז אַלעס וואָס דער אייבערשטער טוט איז ריכטיג און מען קען נישט פרעגן קיין קַשְׁיוֹת.

דאָס זעלבע געפונען מיר נאָכדעם וואָס משֶׁה רַבֵּינוּ האָט גערעדט אַזוֹי שטרענג צום באַשעפער, שטייט אין פָּסוּק (שְׁמוֹת ו׳, ב): וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל משֶׁה - דער אייבערשטער האָט גערעדט צו משֶׁה מיט מִדַּת הַדִּין, וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי הַוָיָ״ה - דער אייבערשטער האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל וויסן אַז אֲפִילוּ אין די דִּין איז אויך דאָ דער שֵׁם הַוָיָ״ה וואָס דאָס איז דער שֵׁם פון רַחֲמִים, אין די צָרוֹת איז אויך דאָ פול מיט רַחְמָנוּת, און איך בין באַגלייבט צו באַצאָלן אַ גוטן שְׂכַר פאַר די ערליכע אידן (עַיֵּין בְּרַשִׁ״י שָׁם); פאַר די הייליגע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק און יַעֲקֹב האָב איך זיך נאָר באַוויזן מיטן נאָמען אֵ־ל שַׁדַּ־י, וואָס דאָס ווייזט אַז עס איז געווען דִּין, נאָר אין די דִּין איז געווען חֲסָדִים, אָבער מיט די נאָמען הַוָיָ״ה וואָס ווייזט אויף הָיָה הֹוֶה וְיִהְיֶה אַז עס איז נישט דאָ קיין דִּין און צִמְצוּם, האָב איך זיך נישט באַוויזן, דאָך האָבן זיי נישט געפרעגט

קַיין קַשְׁיוֹת, אוּן דוּ פְרֶעגְסְט שְׁאֵלוֹת? וַוייל אוֹיפְ'ן בַּאשֶׁעפֶער פְרֶעגְט מֶען נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת.

## ב

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן סג), אַז מִיר זֶעעֶן וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דִי צְוֵוייטֶע מָאל דִי קִינְדֶער קַיין מִצְרַיִם, וָואס דַאן הָאט עֶר גֶעמוּזְט מִיטְשִׁיקְן בִּנְיָמִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶעם לָשׁוֹן (בְּרֵאשִׁית מג, יד): וְאֵל שַׁדַּ"י יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הֵייסְט קֵל שַׁדַּ"י זָאל גֶעבְּן פַאר עֶנְק רַחְמָנוּת. וָואס אִיז דֶער אִיבְּרִיגֶער וָוארְט 'לָכֶם' פַאר עֶנְק? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי רַחְמָנוּת אִין אוּנְזֶער הֶענְט, לוֹיט וִוי מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל וָואס הֵייסְט רַחְמָנוּת, דָאס הֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעבְּן אַלֶע זַאכְן וָואס מִיר דַארְפְן, וָואס דַארְפְן מִיר? גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אַ בָּחוּר דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דִי אַלֶע זַאכְן דַארְף יֶעדֶער אִיד הָאבְּן, אוּן נָאר דֶעמָאלְטְס שְׁפִּירְט עֶר אַז מֶען הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִים.

אִין הִימְל קֶען אַמָאל זַיין אַז אֲפִילוּ מֶען גֶעבְּט דֶעם מֶענְטְש שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאפְן אִיז דָאס אוֹיךְ רַחְמָנוּת, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַז אַ בָּחוּר וֶוערְט עֶלְטֶער אוּן עֶר טְרֶעפְט נִישְׁט זַיין זִיווּג, וָואס דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַעַר וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, וְוִי עֶס אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַאר יֶעדֶער וָואס וֵוייסְט אַבִּיסְל וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דֶעם דוֹר, דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אוּן חֶסֶד וָואס מֶען קֶען טוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים בַּיי אִידְן, זָארְגְן אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס שְׁנֶעלֶער, אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלֵייגְן מֶער וְוִי אוֹיף אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ, וַוייל ווִילַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז מֶען אַ הַאלְבֶּער גוּף (זֹהַר וַיִּקְרָא דַף ז׳ ע״ב), מֶען אִיז רַחֲמָנָא לִיצְלָן פֶּעלֶערְהַאפְטִיג אוּן אוּמְרֵיין (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, יוֹם כִּפּוּרִים, הֲלָכָה א), אוּן מֶען קֶען רַחֲמָנָא לִיצְלָן קוּמֶען צוּ אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין דֶער וֶועלְט, אֵיינְמָאל אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז מֶען שׁוֹין כָּאטְשׁ אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין, אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ טַאקֶע גֶעפִירְט בִּיז צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער גָאר יוּנְג, זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעוְוּיסְט וָואס הֵייסְט זִינְדִיגְן, וָואס הֵייסְט חָלִילָה וְחַס דֶער חֵטְא רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דִי יוּנְגֶע פָּארְפָּאלְק זֶענֶען צוּזַאמֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן הֵיילִיג אוּן רֵיין פַאר זֵיי

הָאבְּן נָאךְ אֲפִילוּ גֶעווִיסְט פוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס, ווִידֶער פַאר דִי עֶלְטֶערְן אִיז דָאס אוֹיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא שְׁוֶוערֶע זַאךְ, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי מֶען הָאט סַךְ הַכֹּל אַרַיינְגֶענוּמֶען נָאךְ אַ קִינְד אִין שְׁטוּב, מֶען הָאט גֶעדַארְפְט צוּגְרֵייטְן נָאךְ אַ בֶּעט, נָאךְ אַ בִּילְקֶע אוּן נָאךְ אַ טֶעלֶער זוּפּ, ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטֵייגֶער פַארְצַייטְנְס אַז מֶען הָאט גֶעגֶעסְן קֶעסְט בַּיי דִי עֶלְטֶערְן, ווֶען מֶען וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט צוּרִיק אַיינְפִירְן הַיינְט, וָואלְט מֶען זִיךְ פַארְשְׁפָּארְט דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן וֵוייטָאגְן וָואס דֶער דוֹר בְּרֶענְגְט מִיט זִיךְ מִיט, אָבֶּער ווִיבַּאלְד דִי וֶועלְט ווֶוערְט דָאךְ אַלְץ קְלוּגֶער אוּן קְלוּגֶער אוּן וָואס אַ יָאר לָאזְט מֶען מֶער יֶערְן דִי קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם ווֶוערְן זֵיי אַלְץ מֶער פַארְקְרָאכְן אִין גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן, דֶערִיבֶּער דַארְפְן מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָארְגְן צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: שַׁדְכָנוּת אִיז דִי כָּשֵׁר'סְטֶע גֶעלְט. וָואס עֶר הָאט פּוּנְקְטְלִיךְ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן ווֵייס אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער פָּשׁוּט מֵיינְט דָאס אַז מִיט שַׁדְכָנוּת הָאט מֶען גֶעטוּן אַן אֶמֶתעֶ'ר מִצְוָה, ווַייל אַז נִישְׁט קוּמֶען זֵיי נֶעבֶּעךְ צוּ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת, ווִי פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט.

יעצט אַז דער אייבערשטער העלפט אַז מען האט געטראָפן אַ שידוך און מען האט ברוך השם חתונה געהאט, איז די שמחה זייער גרויס, ווי חז״ל זאגן (יבמות סג ע״ב): ווי נאר אַ מענטש האט חתונה ווערט געענדיגט זיינע עבירות, יעצט וועט ער שוין נישט זינדיגן. אָבער מיינט נישט אַז דאס גייט אין איין מינוט, איך זאג שטענדיג פאר בחורים: איר מיינט טאקע אַז מען האט היינט חתונה און מארגן איז מען שוין אַ געהאָלפענער? פאַמעלעך! אמת אַז אַ מענטש האט חתונה איז דאס אַ מורא׳דיגער חסד פונעם אייבערשטן, ער דארף יעדן טאג לויבן און דאנקן דעם באַשעפער אויף דעם, ספּעציעל יעדע יאר אין דעם חתונה טאג דארף מען לויבן און דאַנקן דעם באַשעפער און זאגן הלל והודאה, ווייל אַז מען האט זוכה געווען און חתונה געהאט איז נישטא קיין גרעסערע נס פון דעם, אָבער דאך גייט דאס נישט פון איין מינוט אויפן צווייטן, אַז מען גרייט נישט צו אַ בחור אָדער אַ מיידל פון פאר דעם צו האבן גוטע מדות און זיך קענען פאַרטראָגן און זיך פאַרשטיין מיט אַנדערע, דאַרף מען נאָכדעם האבן גרויס רחמים אַז דאָס פאַרפאַלק זאל זיך פאַרשטיין און קענען לעבן מיט ליבשאַפט און שלום, צו מאכן אַ שידוך איז איין זאך, אָבער אַז די שידוך זאל זיך ווייטער האלטן און מען זאל

קֶענֶען לֶעבְּן צוּזַאמֶען בְּשָׁלוֹם אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ, ווִי חֲזַ"ל בְּרֶענְגֶען (תַּנְחוּמָא כִּי תִשָּׂא, ה): אַ קֵיסָר'טֶע הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי יוֹסֵי בֶּן חֲלַפְתָּא, וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט פוּן וֶוען עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט בִּיז יֶעצְט? הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ שַׁדְכָן, הָאט זִי גֶעלַאכְט, צוּ דֶעם דַארְף מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער? אִיךְ קֶען אוֹיךְ זַיין אַ שַׁדְכָן, זִי הָאט גֶענוּמֶען טוֹיזְנְט קְנֶעכְט מִיט טוֹיזְנְט דִינְסְט אוּן זֵיי צַאמְגֶעפָּארְט, אָבֶּער וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזֶען ווִי גוּט זִי קֶען צוּזַאמְשְׁטֶעלְן, דֶעם הָאט גֶעפֶּעלְט אַן אוֹיג, דֶעם אִיז דִי קָאפּ גֶעוֶוען צֶעהַאקְט, דֶעם אַ פוּס צֶעבְּרָאכְן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גֶעקְרִיגְט אוּן גֶע'הַרְגְ'עֶט צְווִישְׁן זִיךְ, הָאט זִי גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער קֶען בַּאוַוייזְן צוּ צַאמְשְׁטֶעלְן אַ שִׁידוּךְ. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פט), אַז דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן, עֶר אִיז מְשַׁדֵךְ אַלֶע שִׁידוּכִים. גֶעוֶוענְלִיךְ אַ שַׁדְכָן אֵיינְמָאל אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי שִׁידוּךְ אוּן דָאס פָּארְפָאלְק הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז עֶר פַארְטִיג מִיט זַיין אַרְבֶּעט, פוּן דָא אוּן וַוייטֶער הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט מִיט אִים, אָבֶּער אִין אֶמֶתְ'עֶן אִיז דָאס נָאר אַ הַאלְבֶּע אַרְבֶּעט, ווַייל צוּמָארְגֶענְס פוּן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת רַייסְט מֶען זִיךְ שׁוֹין בַּיי דִי קֶעפּ, דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן אַ שַׁדְכָן אִיז אַז עֶר

אַרְבֶּעט וַוייטֶער מִיט דִי פָּארְפָאלְק, עֶר לֶערְנְט זֵיי אוֹיס אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּמֶען זִיךְ צוּ דַארְפְן קְרִיגְן, וַוייל צוּ קֶענֶען הַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ פֶּעלְט זִיךְ אוֹיס אַ מוֹרָא'דִיגְן לִימוּד, דִי עֶרְשְׁטֶע לִימוּד אִיז זִיךְ צוּ בֵּייגְן, זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן אַזוֹי שְׁטָאלְץ נָאר זִיךְ קֶענֶען בֵּייגְן אוּן מְוַותֵּר זַיין, אַ וַותְּרָן אִיז שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ, אַז מֶען אִיז מְוַותֵּר אוּן מֶען הָאט גֶעדוּלְד קֶען מֶען נָאכְדֶעם זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אַז מֶען עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ אוּן מֶען וִויל דַוְקָא וַוייזְן אַז מֶען אִיז גֶערֶעכְט, וָואס גֶעשֶׁעהט נָאכְדֶעם? אַנְשְׁטָאט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט אִיר לֶערְנֶען הָאט זִי דִיךְ גֶעלֶערְנְט, זִי אִיז אַהֵיים גֶעלָאפְן צוּ אִיר מַאמֶע, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שׁוֹין הָאבְן אַ גַאנְצֶער שָׁלוֹם בַּיִת קָאמִיטֶע זֵיי זָאלְן דִיר אַ טוֹבָה טוּן אוּן צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען דַיין וַוייבּ, אִין דִי צַייט וָואס דִי גַאנְצֶע קְרִיגֶערֵיי אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּער אַ פְּשׁוּטֶע נַארִישְׁקֵייט, אָבֶּער אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל וֵוייסְט מֶען וִוי אַזוֹי אוּמְצוּגֵיין אִין שְׁטוּבּ, דֶעם שֵׂכֶל דֶעם לִימוּד בַּאקוּמְט מֶען בַּיים צַדִיק, דֶער צַדִיק אִיז דֶער שַׁדְכָן וָואס גֵייט מִיט נָאכְאַנַאנְד אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר לֶערְנְט אוֹיס אַ פָּארְפָאלְק וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מֶען לֶעבְט בְּשָׁלוֹם, הֵייבְּט זִיךְ נָאכְדֶעם אָן

אַ פְּרִישֶׁע פַּרְשָׁה מִיט קִינְדֶער הָאבְּן, נִישְׁט לַאנְג דֶערוֹיף דַארְף מֶען שׁוֹין וִויסְן וִוי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער, עֶס גֵייט נִישְׁט גְרִינְג מְחַנֵךְ צוּ זַיין קִינְדֶער, מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּיי וֶועלְכֶע יָארְגַאנְג הֵייבְּט זִיךְ אָן חִינוּךְ פוּן קִינְדֶער? וָואסְפַּארַא יָאר דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: חִינוּךְ פוּן עֶלְטֶערְן הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן צֶען יָאר פַאר זֵייעֶר חֲתוּנָה! דָאס הֵייסְט אַז נָאךְ אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר׳ל [לוֹיטְן חֶשְׁבּוֹן אַז מֶען לָאזְט חֲתוּנָה הָאבְּן בַּיי דִי זִיבֶּעצְן יָאר, קוּמְט דָאס אוֹיס בַּיי זִיבְּן יָאר אַלְט], דַארְף מֶען שׁוֹין זֶען זִיךְ מְחַנֵךְ צוּ זַיין מִיט גוּטֶע מִדוֹת, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין יוּנְגֶערְהֵייט צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד, צוּ מְוַותֵּר זַיין אוּן זִיךְ אַיינְהַאנְדְלְן גוּטֶע מִדוֹת, וָואס דַאן קֶען מֶען עֶרְרֵייכְן אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועט דִי שְׁטוּב אוֹיךְ זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וַוייל וִוי אַזוֹי מֶען פֶעדִימְט אַיין דִי שְׁטוּב אַזוֹי פִירְט זִיךְ נָאכְדֶעם דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב, אַז דֶער מַאן אִיז אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער וֶועט דִי וַוייבּ אוֹיךְ זַיין אַ אוֹיפְגֶערֶעגְטֶע, אַז דֶער מַאן אִיז אַ נֶערְוֶועזֶער וֶועט זִי אוֹיךְ וֶוערְן נֶערְוֶועז, דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, אָבֶּער אַז מֶען פִירְט אַיין גְלַייךְ דִי שְׁטוּב מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט מִיט אַ גֶעלַאסְנְקַייט מִיט אַ פְרֵיילִיכְקֵייט, וֶועט דִי שְׁטוּב זִיךְ וַוייטֶער אַזוֹי

פִירן, מֶען וועט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן.

נָאכְדֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פַּרְנָסָה, חָלִילָה אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וועגְט דָאס אִיבֶּער אַלֶע יְסוּרִים (מֶדְרָשׁ רַבָּה מִשְׁפָּטִים, פַּרְשָׁה לא, סִימָן יד), דָאס פִירְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אַוועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם גְרָאדְן שֵׂכֶל וִוי אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עֵירוּבִין מא, ע"ב). דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, עֶר אִיז אַ בַּעַל חוֹב, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט שְׁפַּייזְן זִיךְ אוּן דִי מִשְׁפָּחָה, ווערְט עֶר פוּן דֶעם אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, דִי צַעַר פוּן אַ טַאטֶע ווען קִינְדֶער בֶּעטְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוּן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט עֶרְפִילְן, דִי קִינְדֶער פְרֶעגְן: טַאטִי, פַארְוָואס יֶענֶער הָאט יָא אוּן אוּנְז נִישְׁט? דָאס אִיז אַ צַעַר וָואס אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ, [דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ אַיינְגֶעזֶען אַז דֶער אֱמֶתְ'דִיגֶער גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז נָאר צוּ גֶעבְן עֶסְן פַאר מֶענְטְשְׁן, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט, ע"א): אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת - ווען מֶען טֵיילְט עֶסְן דַארְף מֶען נִישְׁט נָאכְקוּקְן. בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען מֶען גוּט אוֹיסְפָּאסְן אוּן אַרוּמְנַארְן מִיט צְוֶועקְן וָואס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוֹיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, אָבֶּער עֶסְן קֶען מֶען נָאר ווִילַאנְג מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג, אֵיינְמָאל מֶען אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג

וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען מֶער עֶסְן, מֶען קֶען בַּיי דֶעם נִישְׁט פָּאפְּן].

קוּמְט אוֹיס אַז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ אַיינְזֶען דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶעקֵייטְן אִין לֶעבְּן, כָּאטְשְׁ׳ִיג אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים בַּאשֶׁעפֶער כִּבְיָכוֹל אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע צָרוֹת מִיט יְסוּרִים וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אַ חֶסֶד, דָאךְ אָבֶער אוּנְז קֶענֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳ סִימָן סג), דָאס הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ דֶעמָאלְטְס גֶע׳טַעֲנָה׳ט אוּן גֶעבֶּעטְן בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: וְאֵל שַׁדַ-י יִתֵּן לָכֶם רַחֲמִים - דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי רַחְמָנוּת אִין עֶנְקֶער הֶענְט. דָאס הֵייסְט אַז דִי רַחְמָנוּת זָאל זַיין לוֹיט ווִי מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן, מִיר דַארְפְן אָפֶענֶע רַחְמָנוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער, מִיר זָאלְן הָאבְּן גֶעזוּנְט, שִׁידוּכִים, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס אִין דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד.

## ג

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָבֶער גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה צוּ קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער

הײליגער רבּי האט אונז אויסגעלערנט אַז יעדע זאך וואס מען דאַרף זאל מען אויסשמועסן מיטן באַשעפער פּשוט אויף אידיש, יעדע שוועריקייט און יעדע צרה וואס מען גייט אַריבער אין לעבן זאל מען בעטן דעם באַשעפער אויף די אייגענע שפּראַך, בעטן דעם באַשעפער איינמאל און נאכאַמאל ביז מען וועט זען אַ ישועה, ווי נאר אַ מענטש באַקומט די מתּנה פון רעדן צום אייבערשטן איז ער שוין אַ געהאָלפּענער, דער מענטש איז שוין נישט קיין פאַרלוירענער, ער האט שוין צו וועמען זיך צו ווענדן, ווייל אפילו אין אַ פאַל ווען ער זעט נאכנישט קיין ישועה וועט ער אויך נישט אויפגעבן, ער וועט זיך מחזק זיין מיט די ריינע אמונה אַז דער אייבערשטער ווייסט וואס ער טוט, "צדיק ה' בכל דרכיו וחסיד בכל מעשיו" (תּהלים קמה), דער אייבערשטער איז שטענדיג גערעכט, און אפילו ווען מען פאַרשטייט נישט פונקטליך אַלעס פרעגט מען נישט קיין קשיות אויפן באַשעפער, אַ איד ווייסט אַז עס איז דא זאכן וואס מען קען נישט פאַרשטיין, דערפאַר האט דער הײליגער רבּי אַזויפיל גערעדט פון אמונה, דער הײליגער רבּי האט געזאָגט (שיחות הר"ן סימן לג): ביי די וועלט איז אמונה אַ קלייניגקייט, אָבער ביי מיר איז דער עיקר אמונה. ווידער האט דער רבּי געזאָגט (שם,

סִימָן לה; רכ), אַז אֵיידֶער מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן אִין דִי פְּשׁוּטְעֶ אֱמוּנָה, אֲפִילוּ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה וֶועט זַיין שְׁוֶוער. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ הָאבְּן אוֹיךְ אַלֶע צַדִיקִים גֶעזָאגְט, דֶערְפַאר מוּז מֶען שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דִי אֱמוּנָה (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן מד), וַוייל אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אִיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ, מֶען לֶעבְּט אַ זִיסֶע אוּן אַנְגֶענֶעם לֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נג).

דֶערְפַאר קֶענֶען מִיר נִישְׁט גֶענוּג לוֹיבְּן אוּן דַאנְקְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער נָאר פַאר דִי מַתָּנָה אַלֵיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב, אַנֶערְקֶענֶען דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר בַּאקוּמְט אִין לֶעבְּן, אוּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע מַתָּנָה פוּן דֶעם, עֶר דַארְף הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב אוֹיף דֶעם, אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען פָאלְגְט אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, טוֹישְׁט זִיךְ דָאךְ דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נא): דָאס זָאלְט אִיר אָנְנֶעמֶען פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן! אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ לָאזְן אָפְּנַארְן דִי גַאנְצֶע זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן בַּיים סוֹף קוּמְט

עֶר אַרוֹיס מִיט גָארְנִישְׁט אִין דִי הַאנְט, דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן בְּגַשְׁמִיוּת אוּן בְּרוּחָנִיּוּת, אָבֶּער בְּגַשְׁמִיוּת לָאזְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל נַארְן, לְמָשָׁל אַז מֶען גֵייט אַרַיין אַרְבֶּעטְן בַּיי אֵיינֶעם אוּן דֶער בַּעַל-הַבַּיִת נֶעמְט זִיךְ אוֹיס אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאצָאלְן, אַז עֶס קוּמְט דִי צַייט אוּן דֶער בַּעַל-הַבַּיִת הֵייבְּט אָן דְרֵייעֶן מִיט דִי צִינְג, עֶס אִיז מִיר פּוּנְקְט עֶנְג דִי מַצָּב עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער יֶעצְט, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ בַּאצָאלְן, וָואס טְרַאכְט אַ קְלוּגֶער אַרְבֶּעטֶער, קֶען זַיין דִי גֶעלְט מַצָּב אִיז בַּיי אִים שְׁוֶוער, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען דָא אַרְבֶּעטְן כְּדֵי צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט, אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט שְׁוֶוער צוּ אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צוּ קֶענֶען דֶעקְן מַיינֶע לֶעבְּנְ'ס וִויכְטִיגֶע אוֹיסְגַאבֶּעס, אֶפְשָׁר קֶען מֶען אִים נָאךְ גֶעטְרוֹיעֶן פַאר נָאךְ אַ וָואךְ צְוֵויי, אָבֶּער אַז עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ חוֹדֶשׁ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאר מִיטְן צוּ-זָאגְן, דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן נָאר כַאפְּן הֶענְט אוּן פוּס אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט וָואס שְׁנֶעלֶער, וָואס אִיז דָא אָנְצוּבְּרֶענְגֶען דִי צַייט אוּן אַרְבֶּעטְן נָאךְ אַפָּאר חֳדָשִׁים פַאר אוּמְזִינְסְט בִּיז נָאכְדֶעם וֶועט עֶר זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט, אַנְטְשׁוּלְדִיגְט מִיר וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעצְט, לְכְשֶׁיַרְחִיב וֶוען עֶס וֶועט מִיר בְּרֵייטֶער וֶוערְן וֶועל אִיךְ דִיר בַּאצָאלְן, אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן, דָאס אִיז

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיוּת, אָפְּגֶערֶעדְט אַז בְּרוּחָנִיּוּת אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ אוּן עֶר הָאט פוּן דָארְט גָארְנִישְׁט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען, דַארְף עֶר פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז אַ פָּאפֶּער, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן צוּ זָאגְן אוֹיף אִים גְרוֹיסֶע זַאכְן אוּן אַז עֶר פְּלִיט אִין הִימְל, דָאךְ קֶען מֶען דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן, וֶוער עֶס אִיז יָא אִין הִימְל אוּן וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב ג, יט): קָטָן וְגָדוֹל שָׁם הוּא - וֶוער עֶס אִיז קְלֵיין אוּן וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס דָאס וֵוייסְט מֶען נָאר דָארְטְן. דָא וֵוייסְט מֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט, דָא קֶען מֶען גוּט אָפְּפָּאפְּן מֶענְטְשְׁן, אוֹיב אַזוֹי וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאךְ וִויסְן וואוּ עֶס אִיז דָא אַ אֶמֶת'עֶר צַדִּיק אוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִין וֶועם מֶען זָאל זִיךְ צוּקְלֶעבְּן? נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ, זֶען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פְּרִיעֶר אוּן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס יֶעצְט, אוֹיב פוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם צַדִּיק הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער אֲפִילוּ אַז עֶר קֶען נָאךְ נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר אָבֶּער אַ גֶעפִיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְדֶעם אִיז אִים גָארְנִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אַזַא זַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן יֶעצְט בְּרֶענְט אִים אוּן בֶּענְקְט אִים נָאר צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, דָאס אִיז אַ קְלָארֶע

בַּאוַוייז אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען, לַיידֶער קֶען מֶען נָאךְ בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג טְרֶעפְן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער קוּקְט זַיי אוֹיס ווי אַ מָאדְנֶע זַאךְ, זַיי וואוּנְדֶערְן זִיךְ וָואס הֵייסְט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מֶען רֶעדְט דָאךְ צוּם וַואנְט, אִין דִי צַייט וָואס דִי וֶוערְטֶער אִיז פָּשׁוּט כְּפִירוֹת, רֶעדְט מֶען דֶען צוּם וַואנְט? דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ דָא! ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן סב): אַז אַ אִיד זָאל בֶּאֱמֶת וויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט מִיט אִים, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואלְט עֶר נָאר אִים גֶעבֶּעטְן.

מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג צוּפְרִי בַּיי דִי י"ג עִקְּרִים: אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל וְאֵין לְזוּלָתוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל - אִיךְ גְלֵייבּ מִיט אַ גַאנְצֶע אֱמוּנָה, אַז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין דַארְף מֶען בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ אוּן עֶס הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ בֶּעטְן פוּן אַן אַנְדֶערְן. אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף עֶפֶּעס זָאל עֶר זִיךְ גֵיין בֶּעטְן בַּיי אֵיינֶעם פוּן פְלֵיישׁ אוּן בְּלוּט? אִין דֶער צַייט וָואס יֶענֶער אַלֵיין קֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶר דַארְף אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בַּיי אִים זָאל מֶען זִיךְ גֵיין בֶּעטְן? מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ אָרֶעמְלַייט לוֹיפְן נָאךְ אַ גְבִיר אוּן בֶּעטְן זִיךְ: אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר מִיר אַ שֶׁענֶערֶע נְתִינָה? אֶפְשָׁר דָאךְ גֶעבְּט אִיר מִיר

אַבִּיסְל מֶער? עֶר אִיז מַסְבִּיר זַיין שְׁוֶוערְן מַצָב אוּן פְּרָאבִּירְט אַרוֹיפְצוּרוּקְן דֶעם סְכוּם, אַזוֹי בֶּעט עֶר זִיךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אִין דִי צַייט וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא קֶענְסְט דָאךְ אִים בֶּעטְן! וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען? אַז דוּ דַארְפְסְט גֶעלְט לוֹיפְסְטוּ נָאךְ אַן עוֹשֶׁר? גֵיי צוּ דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶעלְט ווֶעסְטוּ אוֹיךְ הָאבְּן גֶעלְט, בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער ווֶעסְטוּ אַלֶעס הָאבְּן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְפְן מִיר הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן נָאר פַאר דֶעם ווֶעג צוּ לֶערְנֶען וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְש אַזַא יֵאוּשׁ אוּן צֶעבְּרָאכְנְקֵייט ווֶען עֶר זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ לֶערְנֶען, עֶר וַוייזְט אִים אַז עֶר הָאט אַ פַארְשְׁטָאפְּטְן קָאפּ אוּן עֶר ווֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען לֶערְנֶען, בִּיז דָאס בְּרֶענְגְט אִים נָאכְדֶעם צוּ דָאס עֶרְגְסְטֶע, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְש הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן קֶען עֶר דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין צוּ לֶערְנֶען (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר אִיז אוּן וָואסְפַארַא קָאפּ עֶר הָאט קֶען עֶר שְׁטֶענְדִיג עֶפֶּעס לֶערְנֶען, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט חוּמָשׁ: מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְש וָואס אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר עֶפְּנְט יֶעדְן טָאג אַ חוּמָשׁ אוּן עֶר אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה

צְווייִ מָאל דֶעם פָּסוּק און אֵיינְמָאל דִי תַּרְגוּם (שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג), אַז מֶען הֵייבְּט אָן פוּן זוּנְטָאג יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, וֶועט מֶען בִּיז סוֹף וָואךְ דוּרְכְגֵיין דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער סְגוּלָה אוֹיף יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב רֶבִּי יִשָּׂכָר דוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אַז אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם וֶועט מֶען אִין דֶעם טָאג נִישְׁט זִינְדִיגְן! דָאס הֵייסְט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּן; מִשְׁנַיוֹת: מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דִי זְכוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, מִשְׁנָ"ה בַּאטְרֶעפְט פוּנְקְטְלִיךְ וִויפִיל פַּרְנָסָ"ה, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶועט אִים נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט, עֶר וֶועט הָאט פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע; גְמָרָא: מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא, צַדִיקִים הָאבְּן מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיג ע"א): גְמָרָא גְמוֹר זְמוּרְתָּא תְּהֵא; אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְשְׁנַיידְן, דוּרְךְ גְמָרָא צֶעשְׁנַיידְט מֶען אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת וָואס נֶעמְט אַרוּם דִי נְשָׁמָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט גְמָרָא אִין אַ רַייעֶ, אֲפִילוּ אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט חַזֶר'ט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, פָּשׁוּט עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי

הַייליגֶע גְמָרָא קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דִי שְׂכַר צוּ וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם.

פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן אַז עֶר קֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין [פַּאר אַ דוּרְכְשְׁנִיטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְּרַייטָאג כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אִיבֶּערְהוֹיפְּט דִי לַאנְגֶע סֶדְרוֹת אִין דִי ווִינְטֶער וָואכְן וֶוען אַרוּם פִיר אַזֵייגֶער אִיז שׁוֹין לֶעכְט צִינְדְן], אָבֶער אַ דַאנְק דֶעם צַדִיק אִיז עֶר זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, עֶר פַּארְפֶעלְט נִישְׁט קַיין וָואךְ פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַכָּרַת הַטוֹב? אַז מֶען לֶערְנְט אַזוֹיפִיל מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַכָּרַת הַטוֹב? אֲפִילוּ עֶס זָאל זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט אִיז מֶען דָאךְ אָבֶער גֶעוָוארְן צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי תּוֹרָה, פַארְדֶעם אִיז דָאךְ אִינְגַאנְצְן נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן צוּ עֶפֶענֶען יֶעדְן טָאג דֶעם מִשְׁנַיוֹת אוּן דִי גְמָרָא, יֶעצְט לָאזְט מֶען דָאס נִישְׁט אָפּ, נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער אֱמֶת וֵוייסְן מִיר דָאךְ אַז עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט בַּיים נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען חַזֶר'ט אַזוֹיפִיל מָאל, בַּאקוּמְט מֶען נָאכְדֶעם סֵיי ווִי אַ גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין אוֹיךְ, אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קוּמְט מֶען נָאכְדֶעם אָן צוּ דֶעם אוֹיךְ,

אָבֶער מִיר רֶעדְן יֶעצְט פַארְדֶעם, אַז אַ בָּחוּר נֶעמְט אַ מַסֶכְתָּא אוּן עֶר חַזֶר׳ט דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן עֶר חַזֶר׳ט דָאס אוֹיךְ אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, אַזוֹי טוּט עֶר מִיט מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא, וֶוערְט עֶר דָאךְ אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דִי תּוֹרָה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר גֶעדֶענְקְט שׁוֹין אוֹיךְ אָן אַ שִׁיעוּר מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, דָאס אִיז אָבֶער זִיכֶער אַז דוּרְךְ דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הֶעלְפְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ נַייעֶ מֹחַ, ווייל דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן (מֶדְרָשׁ אֵיכָה, פְּתִיחְתָּא סִימָן ב).

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, יֶעצְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַזוֹי מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַרַיין דַאוֶוענֶען, ווִי נִישְׁט כַאפְּט עֶר אַרוֹיס אָמֵן׳ס, אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּה, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, דַארְף מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַכָּרַת הַטוֹב?!

מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אַזֶעלְכֶע מַתָּנוֹת, פוּן אֵיין זַייט דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס אִיז אַזַא חֶסֶד חִינָם אַז יֶעדֶער פוּן אוּנְז קֶען

לערנען די הייליגע תּוֹרָה, און פון איין זייט מיר זאָלן אָנהייבן שפּירן דעם אייבערשטן, ווייל דער הייליגער רבּי עפּנט אונז אויף די אויגן מיר זאָלן זען שטענדיג נאָר דעם באַשעפער און דער עיקר אַז מיר זאָלן אָנהייבן צו קוקן אויף זיך אַליין, דער הייליגער רבּי עפּענט אויף די אויגן פון אַ מענטש אַז זאָל זיך גוט באַטראַכטן ווי אַזוי ער זעט אויס, ווי ער האַלט מיט זיינע אַלע מדות (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן סז), אַזוי טראַכט אַ מענטש שטענדיג נאָר פון איך איך און נאָכאַמאָל איך, ער שטופּט זיך און ער גרויסט זיך, אָבער איינמאָל אַז ער קומט צום צדיק זעט ער אַז ער דאַרף נאָך גרויס רחמים אַז ער זאָל האַלטן ערגעץ, דער צדיק לערנט אים אויס אַז עס איז נישטאָ קיין איך, איך איז נאָר דער באַשעפער.

ווי באַקאַנט האָט דער הייליגער בעל התּניא זכותו יגן עלינו נאָך אין דער יוגנט געלערנט זייער פלייסיג, ער שטאַמט פון ליטא וואו מען האָט געלערנט מיט גרויס התמדה, ווען ער איז אַביסל עלטער געוואָרן האָט ער געוואָלט פאָרן צו אַ רבּי'ן, האָט ער געהאַט פאַר זיך צוויי ברירות, אָדער ער זאָל גיין צום ווילנער גאָון, דאָרטן האָט ער געהערט איז דער עיקר נאָר לערנען תּוֹרָה, אָדער צום מעזריטשן מגיד, דאָרטן האָט ער

געהערט איז דער עיקר נאָר תּפלה, ער איז מגלה דעם באַשעפער, האָט ער ביי זיך געהאַט אַ ספק וואו ער זאָל ענדערש פאָרן, ביז ער האָט געטראַכט ביי זיך אַז לערנען האָט ער זיך שוין וואַרשיינליך אויסגעלערנט, ער קען שוין אויך אַביסל לערנען, אָבער תּפלה אַרויסצוזען דעם אייבערשטן דאָ פון די וועלט דאָס ווייסט ער נאָכנישט פונקטליך ווי אַזוי דאָס אַרבעט, האָט ער באַשלאָסן אַז ער וועט פאָרן צום גרויסן מגיד פון מעזריטש, איינמאָל אַז ער איז אַהין אָנגעקומען איז ער שוין ווי פאַרשטענדליך געבליבן דאָרטן, און ער איז אויפגעוואַקסן וואָס ער איז אויפגעוואַקסן.

יעצט אַז דער באַשעפער האָט אונז געהאָלפן און מיר ווייסן פון אַזאַ רבי'ן פאַרוואָס זאָלן מיר דאָס נישט אויסנוצן? אָנגעהויבן מיט דעם וואָס דער הייליגער רבי האָט געבעטן אַז מען זאָל רעדן צום באַשעפער, מיט די מתּנה אַליין קען מען זיך שוין געניסן און נאָך מחיה זיין אַ גאַנץ לעבן, ווערט אָבער אַ מענטש צעבראָכן און טענה'ט "איך האָב געבעטן און איך בין נישט געהאָלפן געוואָרן", דאָס איז אָבער בכלל נישט ריכטיג, אַ מענטש דאַרף נאָר אָנהייבן קוקן אויף די סאַך גוטס וואָס דער באַשעפער האָט געטון מיט אים וועט ער שוין נישט רעדן אַזוי, אַז מען טראַכט

נָאר אַבִּיסְל אַרַיין וִוי אַזוֹי מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז ווִי מֶען שְׁטֵייט הַיינְט, וָואס מֶען הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר רֶעדְט, מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז מֶען רֶעדְט אַזוֹי וָואלְט כְּדַאי גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל וֶוערְן אַ וָואלַאנְטוּר פַאר בִּיקוּר חוֹלִים, זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין אַרוּמְצוּגֵיין אִין דִי שְׁפִּיטֶעלֶער בַּאזוּכְן קְרַאנְקֶע, דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אֵיינְמָאל זֶען דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיטְן מֶענְטְשׁ, מֶען וֶועט זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט בַּאקְלָאגְן נָאר דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מֶען אִיז גֶעזוּנְט.

אַגַב, אַז מֶען גֵייט בַּאזוּכְן קְרַאנְקֶע דַארְף מֶען אוֹיךְ וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, אַ יְרוּשָׁלַיִמ'עֶר אִיד הָאט זִיךְ אַמָאל בַּאקְלָאגְט צוּ מִיר, אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בִּיקוּר חוֹלִים אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט נֶעבְּן אַ חוֹלֶה, אוֹיךְ אַ יְרוּשָׁלַיִמ'עֶר, וָואס הָאט זִיךְ גֶערִיסְן פַאר יְסוּרִים אוּן גֶעקְרֶעכְצְט, אוּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל מִיט דִי יְסוּרִים אָפְּקוּמֶען אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיט אִים פַארְשִׁידֶענֶע וֶוערְטֶער

פוּן חִיזוּק אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן יְסוּרִים, פְּלוּצְלִינְג רוּפְט זִיךְ דֶער קְרַאנְקֶער אָן: אִיךְ וָואלְט זִיךְ מִיט דִיר גֶעטוֹישְׁט, דוּ זָאלְסְט דָא לִיגְן קְרֶעכְצְן אוּן שְׁרֵייעֶן פַאר ווֵייטָאג אוּן אִיךְ וֶועל דִיר קוּמֶען מְחַזֵק זַיין, אִיךְ קֶען בֶּעסֶער אוּן שֶׁענֶער רֶעדְן פוּן דִיר! דֶער אִיד אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט זִיךְ פַאר מִיר אוֹיסְגֶערֶעדְט, אַזַא קְלָלָה צוּ בַּאקוּמֶען פַארְן שְׂכַר פוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן גֵיין בִּיקוּר חוֹלִים? הָאבּ אִיךְ אִים צוּם עֶרְשְׁט בַּארוּאִיגְט אַז עֶס מֵיינְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, פוּן פוּל יְסוּרִים קֶען מֶען זִיךְ פַארְעֶרְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אִים אָבֶּער מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען טוּט בִּיקוּר חוֹלִים דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אוּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט, וֶוען יֶענֶער רַייסְט זִיךְ פַאר יְסוּרִים קֶען מֶען אִים נִישְׁט גֵיין זָאגְן אַז דָאס אִיז כַּפָּרַת עֲוֹנוֹת, דָאס אִיז אַזוֹי ווִי מֶען גִיסְט זַאלְץ אוֹיף דִי אָפֶענֶע וואוּנְדְן, בִּיקוּר חוֹלִים אִיז אַז מֶען דֶערְצֵיילְט יֶענֶעם עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה פוּן דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה נִישְׁט קַיין חִילוּק פוּנְקְטְלִיךְ וָואס, דֶער עִיקָר אַז עֶר זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן אַבִּיסְל פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁמֶערְצְן אוּן יְסוּרִים וָואס עֶר הָאט, דָאס הֵייסְט בִּיקוּר חוֹלִים, נִישְׁט גֵיין יֶעצְט זָאגְן וָואס עֶר קוּמְט אַלְץ אָפּ מִיט דֶעם, אַוַודַאי וֶועט עֶר דִיר נָאכְדֶעם זָאגְן אַז עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, אוּן עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט שֶׁענֶערֶע דִיבּוּרִים.

הַכָּרַת הַטּוֹב אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג אַיינְזֶען דִי גוּטְס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט אִים אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶערְפַּאר, הֵייבְּן הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן אִין שְׁטוּב, אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט דַארְף מֶען דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב, זֶען דִי גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן, אוּן שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן נָאר דִי מַעֲלוֹת אוּן דָאס גוּטְס וָואס דִי וַוייבּ/מַאן פַארְמָאגְט אוּן נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטְס, לֵיידֶער פַארְגֶעסְט מֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל וִוי אַזוֹי מֶען הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען אַלֵיין אוּן נָאר אַרוֹיסְגֶעקוּקְט וֶוען עֶס וֶועט שׁוֹין קוּמֶען דֶער גְלִיקְלִיכֶער טָאג אוּן מֶען וֶועט חֲתוּנָה הָאבְּן, יֶעצְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן דֶער גְרוֹיסֶער טָאג אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם בַּאשֶׁערְטְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, דַארְף מֶען זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְכַבֵּד זַיין, טְרֶעפְן נָאר דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים אַנְדֶערְן, הָאבְּן אַבִּיסְל הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל אוּן מֶען רֶעדְט זִיךְ נָאר אָפּ, מֶען דְרֵייט צוּרִיק דֶעם זֵייגֶער אוּן מֶען שְׁרֵייט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער גֶעוֶוען פַארְדֶעם, פַארְוָואס הָאט אוֹיסְגֶעפֶעלְט דִי צָרָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, וָואס גֶעשֶׁעט דֶעמָאלְטְס,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן מֶען גֶעבְּט פוּן הִימְל צוּ קָאסְטְן וָואס מֵיינְט שְׁוועֶרעֶקֵייטְן אוּן עֶס הֵייבְּט זִיךְ טַאקֶע אָן פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין שָׁלוֹם בַּיִת, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט קִינְדֶער, אַז מֶען הָאט הַכָּרַת הַטוֹב צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט נָאר, הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶער אוּן מֶער, חָלִילָה פַארְקֶערְט אִיז פַארְקֶערְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, דָאס מֵיינְט הַכָּרַת הַטוֹב מֶען אַנֶערְקֶענְט דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, מֶען וֵוייסְט אַז וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אִיז אַלְץ מִיט גְרוֹיס חֶסֶד, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט נָאנְט צוּ זַיין הִסְתַּלְקוּת, עֶס הָאט אִים דַאן גֶערִיסְן פַאר יְסוּרִים פוּן דִי חוֹלִי מַעַיִם וָואס עֶר הָאט גֶעלִיטְן, אוּן עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אָדְל אוּן גֶעפְרֶעגְט: רֶבִּי נָתָן וָואס מַאכְט אִיר? וָואס גֵייט פָאר מִיט אַייךְ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: עֶס אִיז מִיט גְרוֹיס חֶסֶד! אַ אִיד דַארְף ווִיסְן שְׁטֶענְדִיג אַז וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט אִיז מִיט גְרוֹיס חֶסֶד.

דֶערְפַאר יֶעצְט אִין דִי שׁוֹבָבִים טֶעג אִיז דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט דָאס זִיךְ פָארְצוּנֶעמֶען, אַרְבֶּעטְן

אוֹיף זִיךְ דִי פֶּערְצִיג טֶעג צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן, אַז מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַבִּיסְל אַרָאפּ אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט שְׁוֶוערֶעקֵייטְן, הֶעלְפְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען הֵייבְּט אָן זֶען דִי פוּלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט.

מֶען זָאגְט נָאךְ אַ טַייטְשׁ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מֵאִיר'ל פוּן פְּרֶעמִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב (בַּמִּדְבָּר ז, כ), אַז אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אֵיין בֵּייג אִיז דָאס שׁוֹין וֶוערְד צֶען גִילְדְן. הָאבּ אִיךְ צוּגֶעזָאגְט דֶעם סוֹף פוּן פָּסוּק: מְלֵאָה קְטֹרֶת, נִישְׁט נָאר צֶען גִילְדְן וֶועסְטוּ הָאבְּן נָאר דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (יוֹמָא כו, ע"א) אַז קְטֹרֶת מַאכְט רַייךְ. אַז מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַיין דֶעם קָאפּ אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אֲפִילוּ וֶוען יֶענֶער פַארְשֶׁעמְט, פַארְדִינְט מֶען שׁוֹין צֶען גִילְדְן, אָבֶער עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין בַּיי צֶען גִילְדְן נָאר נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען פוּן דִי צֶען גִילְדְן זֵייעֶר רַייךְ, מֶען בַּאקוּמְט אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער עֲשִׁירוּת.

מֶען הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט פוּן ווּי קוּמְט דָאס אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד אַ רֶבִּי'ן מִיט סַנְדְקָאוּת מֶער וִוי בַּיי אֵיין קִינְד, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רסה, סְעִיף יא בְּהַגָּה): מֶען זָאל נִישְׁט גֶעבְּן פַאר דֶעם זֶעלְבְּן מֶענְטְשׁ צְווֵיי מָאל צוּ זַיין סַנְדָק, אַ סַנְדְּק אִיז וִוי אַ כֹּהֵן וָואס אִיז מַקְטִיר קְטֹרֶת אוֹיפְן

מִזְבֵּחַ, בַּיי דִי קְטֹרֶת הָאט מֶען יֶעדְן מָאל גֶעגֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר אַן אַנְדֶערְן כֹּהֵן (עַיֵין יוֹמָא שָׁם), אוֹיבּ אַזוֹי פַּארְוָואס פַאר אַ רֶבִּי'ן גֶעבְּט מֶען יָא סַנְדְקָאוֹת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער? נָאר בַּיי אַ גֶעוֶוענְטְלִיכְן מֶענְטְשׁ אֵיינְמָאל אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַן עוֹשֶׁר הָאלְט עֶר זִיךְ מִיט דִי עֲשִׁירוּת, צוּ וָואס פֶּעלְט אוֹיס מֶען זָאל דֶעם זֶעלְבְּן מֶענְטְשׁ נָאכְאַמָאל מְכַבֵּד זַיין מִיט סַנְדְקָאוּת, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֶעבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר נָאךְ אַ אִיד, אָבֶער בַּיי אַ רֶבִּי אַ צַדִיק וִויפִיל גֶעלְט מֶען זָאל אִים נָאר נִישְׁט גֶעבְּן צוּטֵיילְט עֶר דָאס גְלַייךְ פַאר נָאךְ אָרֶעמֶעלַייט, דֶערִיבֶּער הָאלְט מֶען אִים אִין אֵיין מְכַבֵּד זַיין, וַוייל וִויפִיל עֲשִׁירוּת עֶר וֶועט נָאר בַּאקוּמֶען וֶועט עֶר אַלֶעס מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע נוֹיט-בַּאדֶערְפְטִיגֶע.

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קְנִיעֶבְסְקִי [זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה] הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין טַאטְן דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וִויבַּאלְד מֶען הָאט אִים אַלְץ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מִיט סַנְדְקָאוּת, אוֹיבּ אַזוֹי וואוּ אִיז זַיין עֲשִׁירוּת? וִוי בַּאקַאנְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט קוֹים גֶעהַאט אַ קְלֵיין דִירָה'לֶע, זַיין עֶסְן אִיז בַּאשְׁטַאנֶען פוּן שְׁוַוארְץ בְּרוֹיט מִיט אַ קַאוֶוע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט - וַוייזְנְדִיג

מִיט דִי הֶענְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים וָואס עֶר הָאט אַלְץ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן - "אֶט דָאס אִיז דֶער עֲשִׁירוּת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין גוּט אוֹיסְצוּנוּצְן דִי שׁוֹבְבִי"ם טֶעג, און גֶעדֶענְקְן אַז אֵיין בֵּייג אִיז שׁוֹין וֶוערְד צֶען גִילְדְן, אַז מֶען הָאט דִיר פַארְשֶׁעמְט אִין שְׁטוּבּ עֶנְטְפֶער נִישְׁט צוּרִיק, לָאז אָפּ בְּלַייבּ שְׁטִיל און מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט, אוֹיסֶערְדֶעם וֶועסְטוּ נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין קוּמֶען צוּ דֶעם.

**תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם**

# הספר הקדוש
# הזה נדפס

לזכות

**נפתלי הירצקא**
**בן רחל גיטל לאה נ"י**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבו לטובה, ויתברך מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ולזיווג הגון בקרוב ולהצלחה בכל העניינים, אמן כן יהי רצון.